STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02965

DRAY FROYEN POETN FUN MODERNEM YAPAN

Glenn Hughes

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל בראנשטיין

דריי פרויען פאעטן פון מאדערנעם יאפאן

אנטאלאגיע

מאָנטרעאל, קאַנאַדע, 1952

די הילע און די בילדער אין בוך זיינען געצייכנט פון דעם
באוואוסטן קינסטלער בצלאל מלחי.

געדרוקט אין דער
סיטי פרינטינג קא.

דערשיינט אין 350 עקזעמפליארן.

הקדמה

די יאַפּאַנעזער זיינען מייסטער פון דער מיניאַטור. קיין זאַך באַפרידיקט זיי נישט מער ווי דער אויסדרוק פון אַ סך אין אַביסל. זיי באַשאַפן גאַנצע לאַנדשאַפטן אין גערטנער אויסגע־מאַסטענע אין צאָלן. ס׳איז אַ גרויסער פאַרגעניגן פאַר אַ יאַ־פּאַנעזער צו זיצן לעבן אַ שיסל וואַסער וואָס באַדאַרף מיט זיך פאַרשטעלן אַ טייך, און אין דעם זעען קלייניקע פאַרמירטע פעלזן, ים־פלאַנצן, פאַרשידענע פיש — אַלץ אין אַזאַ אמת׳ער פּראָפּאָרציע אַז ער האָט די אילוזיע פון אַ גאַר גרויסער וועלט. אין אַ קליינעם ערדענעם טעפּל וועט ער האַלטן פאַרוואַרצלט אַ מאָדנע ניט אַנטוויקלט בוימל, אַלט און סוקעוואַטע, אפשר אַ זעקס שפּאַן די הויך, נאָר מיט דער גאַנצער שיינקייט פון אַ ריזיקן דעמב. אויב ער איז אַ מאָלער וועט ער זיך באַמיען צו קאָפּירן אין אַ דריי שמיר פון זיין בערשטל דעם הייליקן ראַנג פון אַ FUJI YAMA און אויב ער איז אַ דיכטער וועט ער זיין גאַנץ לעבן זיך באַמיען אַריינצוברענגען די גאַנצע חכמה פון דעם מענטש אין פינף קורצע שורות. מיט דעם כח פון דער געניאַליטעט פון זיין פאַנטאַזיע, וועט ער זיך באַמיען צו גע־פינען דעם זין פון לעבן אין דעם פאַלנדיקן צוויט פון קאַרשן.

צוליב וואָס דוקא די ראַסע האָט אַנטוויקלט אַזאַ אויסער־געוויינלאַכע ליבשאַפט פאַר קונסט אין אַ כמעט מיקראָסקאָפּי־שער מאָס, איז אַ פּראַגע וואָס וועט אפשר מערסטנס פאַר־אינטערעסירן דעם אַנטריפּאָלאָג, פּסיכאָלאָג, דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניסט, צי יעדן איינעם וואָס אינטערעסירט זיך מיט דעם עיקר פון אורזאַכן. עס זיינען פונדעסטוועגן פאַראַנען אַ סך צווישן אונדז, וואָס אינטערעסירן זיך מער מיט רעזולטאַטן ווי אין אורזאַכן, און ווען מיר שלאָגן זיך אָן אויף דעם פעלד פון יאַפּאַנעזישער דיכטונג רעכענען מיר זיך און מיר נעמען אָן דעם פאַקט אַז אַמווינציקסטנס פאַר פערצן יאָרהונדערטן האָט

אַ פֿאַעזיע ליבהאָבעריש פֿאַלק זיך רואיק אָפּגעגעבן מערסטנטיילס מיט דער טאַנקאַ, אָדער פֿאַעמעס פֿון איין און דרייסיק זילבען, און אַז די הויפּט וואַריאַציע פֿון דער טאַנקאַ איז די האַקקו, וואָס באַשטייט בלויז פֿון זיבעצן זילבען, און וואָס האָט אָריגינעל פֿאַרמירט די ערשטע באַוועגונג פֿון דער טאַנקאַ.

ווי מ׳קען זיך פֿאַרשטעלן, איז דאָס איבערזעצן אַזעלכע מיניאַטורנע, איידל־באַאַרבעטע לידער אין פֿערזן אויף אַן אַנדערער שפּראַך אַ טאַנטאַליזירטע (אוממעגלאַכע) אויפֿגאַבע. ווייל איין זאַך מוז מען אינזינען האָבן, זיי באַנוצן זיך נישט מיט קיין מעטריק, ווייל די יאַפּאַנעזישע שפּראַך פֿאַרמאָגט פּאַקטיש נישט קיין באַטאָנונג; זיי באַנוצן זיך אויך נישט מיט קיין גראַמען, סיידן דורך דעם צופֿאַל פֿון אָפּטער ווידערהאָלונג. זייער פֿאָרם באַזירט זיך אויף די שטרענגע געזעצן פֿון זילביקע כמות. אַזוי באַשטייט די טאַנקאַ פֿון פֿינף שורות, וואָס זיינען אינזיך כולל פֿינף, זיבן, פֿינף, זיבן, זיבן זילבען. די ערשטע צוויי שורות שטעלן צונויף אַן איינהייט, ווי די לעצטע צוויי. אַט די צוויי טעמפּאָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַזאַ נאַטירלעכע פּאָעטישע קרובה׳שאַפֿט ווי פֿראַגן און ענטפֿערס, אימפּרעסיעס און רעאַקציעס, דאָס ספּעציפֿישע און אוניווערסאַלע. אונדז איז באַקאַנט אַן ענלאַכע מעטאָדע וואָס ווערט אָנגעווענדט אין דעם איטאַליענישן סאָנעט. נאָר אין סאָנעט, וואָס מיר באַטראַכטן ווי אַ הויך קאָנדענסירטע פֿערזן־פֿאָרם, איז פֿאַראַן אַ היבשע פּינקטלאַכע אידייע, בשעת אין דער טאַנקאַ איז בלויז פֿאַראַן די איינפֿאַכע סוגעסטיע — בלויז אַ בליק פֿון אימאַזש, און דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז וואָס יאַפּאַנעזישע דיכטער זיינען אַזוי אָפֿט פֿייאיק צו דערגרייכן אין זייערע איין און דרייסיק זילבען פּונקט אַזוי פֿיל ווי אונדזערע סאָנעט־דיכטער דערגרייכן אין כמעט פֿינף מאָל אַזוי פֿיל.

דער סוד פֿון דער יאַפּאַנעזישער פּאָעמע איז נאַטירלעך, דער סוד פֿון יעדער גרויסער דיכטונג: נעמליך, סוגעסטיע. מיין

איינדרוק איז אַז די מינימום באַהויפּטונג און דער מאַקסימום פֿון סוגעסטיע איז דער עיקר אויף וואָס מערסטע דיכטער, צי אַנדערע קינסטלער, אייניקן זיך. ס'איז יעדנפֿאַלס צום באַוואונדערן די אַנטדעקונג מיט וואָס פֿאַר אַ כּח פֿון דערהויבונג עס פֿאַרמעסט זיך דער אימאַזש פֿון די אַרומגעשווירענע פֿליגעלעך פֿון דער טאַנקאַ און האַיקו.

די וואָס זיינען בכלל באַקאַנט מיט דער יאַפּאַנעזישער געשיכטע ווייסן, אַז פֿון די פֿריסטע צייטן אַן האָבן זיך די פֿרויען אויסגעצייכנט אין ליטעראַטור. איינע פֿון די אָנגעזעענסטע פֿון דעם ניינטן יאָרהונדערט איז געווען די פֿרוי אָנאָ נאָ קאָמאַטשי, שיין, באַגאַבט, און באַשטימט צו ווערן דער צענטער פֿון אומצאָליקע לעגענדעס און דראַמעס. אירע אַרבעטן געפֿינען זיך אין אַלע אַנטאָלאָגיעס פֿון קלאַסישע יאַפּאַנעזישע דיכטער. דערנאָך קומט מוראַזאַקי שיקיבו, וואָס האָט באַענט צום יאָר טויזנט פֿאַרפֿאַסט די גרויסע געשיכטע פֿון גענדזשי (GENJI MONOGATARI) וואָס דערשיינט איצט אין אַ נייער ענגלישער איבערזעצונג און נעמט די מערב וועלט מיט שטורם. עס זיינען פֿאַראַן נאָך אַ היבש ביסל — הויף־דאַמען, מערסטנטיילס — וועמענס שריפֿטן האָבן אונדז דערגרייכט ווי אַ באַווייז פֿון זייערע ליטעראַרישע דערגרייכונגען. אין דער צייט פֿון מיטלאַלטער, האָט מען זיך מיט קיין פֿרוי כּמעט נישט גערעכנט, סיידן זי האָט באַהערשט די קונסט צו קענען פֿאַרפֿאַסן קלוגע לידער און זיי אויפֿשרייבן אין אַ שיינער האַנטשריפֿט.

היינט צו טאָג איז אָט די טראַדיציע נישט פֿאַרגעסן. פּאָעזיע איז זייער אַ וויכטיקער טייל פֿון יעדנס בילדונג אין יאַפּאַן. ס'איז ווי אַן אָנגענומענער כּלל אין איינעמס געזעלשאַפֿטלעכקייט און ווערט נישט פֿאַררעכנט פֿאַר פֿעלערהאַפֿט אַפֿילו אין פּאָליטישע קרייזן, ווייל אַ מיטגליד אין דעם לאָרדן־הויז שטאָלצירט אָפֿט מיט זיין פֿייִקייט צו פֿאַרשפּיצן זיין חכמה אין אַ האַיקו. די מאָדערנע פֿרוי פֿון יאַפּאַן, צווישן דער אַריסטאָ־

קראַטיע ווי צווישן פּשוטן פאָלק, באַטראַכט איר דיכטערישע אַרבעט ווי אַ נאַטירלעכן טייל פון איר טאָג טעגלעכן לעבן. די פוילענצעריין, וואָס פאַרשווענדט איר צייט אין איר בודואַר, האָט ליב פון זיך צו טראַכטן ווי פון אַ מאָדערנער קאָמאַטשי, און שטאָלצירט זייער מיט די פאַרפאַסונגען אירע. די רירעוודיקע הויזפרוי מאַכט אָפטע איבעררייסונגען אין איר מידער טעגלאַכער רוטינער אַרבעט אויף צו פאַרצייכענען אַ פינף שורה׳דיקן סענטימענט אין איר טאָג־בוך. מיר איז אפילו באַקאַנט אַ יאַפּאַנעזישע פרוי אין אַמעריקאַ וואָס האָט באַצירט די ווענט פון איר קיך מיט טאַנקאַ׳ס!

פון די מיליאָנען קליינע לידער וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין יאַפּאַן, זיינען זייער ווינציק אויסערגעוויינליך, און גאָר ווינציק פון זיי זיינען פאַרבליבן. נאָר אין די פאַרבליבענע, האָבן די לידער פון פרויען דיזעלבע געלעגנהייט פאַראייביקט צו ווערן ווי די פון די מענער. עס וואָלט באמת שווער געווען צו געפינען דריי מענער פאָעטן פון מאָדערנער יאַפּאַן וועמנס אַרבעטן זאָלן איבערשטייגן אָדער זיך אויסגלייכן מיט די דיכטונגען פון די דריי פרויען דיכטערס וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די איצטיקע זאַמלונג.

אַ היבשע צאָל טאַנקאַ און האַיקו לידער זיינען איבער־יאָרהונדערט. די איבערדיכטונגען, וואָס האָבן פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן צו אומצעליקע לייענער, און אפילו פאַראינטערעסירט אַ סך פאָעטן, זיינען אין אַלגעמיין געווען געשריבן אין דער אָנגענומענער מערב ־ אייראָפּייאישער פאָרם. דאָס געגראַמטע פיר שורה׳דיקע ליד איז געווען דאָס דאַנקבאַרסטע. אַזאַ פאָרם, ווי דאָס פיר שורה׳דיקע ליד — זעט אויס צו זיין נישט ריכטיק באַ דעם איבערדיכטער פון די „דריי פרויען דיכטער פון מאָדערנעם יאַפּאַן״. אַ נישט כאַראַקטעריסטישער מוזיקאַלישער ווערט, ווערט פאַרגעשטעלט דורך דער באַנוצונג פון דעם גראַם, און די שווערקייט פון איבערגיבן אַ פינקטלעכן אויסדרוק

פון דעם אינהאַלט ווערט טאָפּל שווער באַם וועלן אַנהאַלטן די דעפיניטיווע סטאַנזאַ־פאָרם. פרייע פערזן לידער, אַזוי קורץ ווי מעגליך, נישט צו מוזיקאַליש נאָר אויך נישט צו פּראָזאַאיש, זעען אויס צו זיין מער פּאַסיק אויף איבערצוגיבן דעם זין און איינדרוק פון דעם אָריגינאַל פאַר דעם מענטשן פון מערב. באַגרייפנדיק פולשטענדיק די מאַנגלהאַפטיגקייט פון יעדער מעטאָדע פון איבערזעצן, רעקאָמענדירן מיר די מיניאַטורן צו די יעניקע וואָס באַוואונדערן דאָס צאַרטע און אימפּרעסיאָניסטישע אין דער דיכטונג.

ג ל ע נ ן י ו ה ז .

ווייסע לאָטאָס (ווייסע וואַסער־ליליע)

די פּאָפּולערסטע פרוי אין יאַפּאַן איז היינט צו טאָג אַן יעדן צווייפל אַקיקאָ יאַנאַגיוואַראַ, וואָס שרייבט אונטער דעם פעדער־נאָמען: ווייסע לאָטאָס.

די טאָכטער פון דעם פּרינץ יאַנאַגיוואַראַ, אַ געוועזענער פּאַרזיצער פון דעם לאָרדן הויז, האָט זי פרי חתונה געהאַט מיט דעם רייכן קוילן־מאַגנאַט איטאָ, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן דער רייכסטער מאַן פון קייאושו, אַ דרום פּראָווינץ אין יאַפּאַן און טאָקע אין קייאושו האָט איטאָ אויסגעבויט פאַר זיין יונגער און טאַלאַנטירטער פרוי דעם באַרימטן קופּער פּאַלאַץ.

אַקיקאָ האָט פונדעסטוועגן געבענקט, נאָך עטלעכע יאָר פון פאַרהייראַטן לעבן, נאָך אַ מער אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט. און געטריבן פון אַט דער בענקשאַפט אירער, האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ יוגנטלעכער גרופּע שריפטשטעלער און קינסטלער, וואָס זיינען געווען ליידנשאַפטליכע פּרעדיקער פון אינדיווידואַליזם און דער עמאַנציפּאַציע פון געזעלשאַפטלאַכע פאַראורטיילן. מיט דער צייט האָט זיך „די ווייסע לאָטאָס״ פאַרפלאַנטערט אין אַ ליבע־איבערלעבונג מיט איינעם פון די יונגעלייט פון אַט דער גרופּע, באָם נאָמען מיאַזאַקי, און אַרום זומער 1921, איז זי אַנטלאָפן פון איר היים און פאַרראַטן איר מאַן.

יאַפּאַן איז נאָך אַלץ אַ קאָנסערוואַטיוו לאַנד, באַזונדערס אין שייכות מיט די האַנדלונגען פון אירע אַדעליקע אָדער אַריסטאָקראַטיע. „די ווייסע לאָטאָס״ האָט אויפגערודערט די גאַנצע עפנטלאַכע מיינונג. צייטונגען און זשורנאַלן זיינען איבערגעפילט געוואָרן מיט דיסקוסיעס איבער איר האַנדלונג, און די מאַיאָריטעט האָט איר פאַרדאַמט. איר פאָטער האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן די באַליידיקונג, אַז ער האָט אַזש רעזיגנירט פון זיין הויכן רעגירונגס אַמט.

אַ היבשע צייט נאָך איר אַנטלויפֿן האָט מען „די ווייסע לאָטאָס״ נישט געקאָנט געפֿינען. שפּעטער אָבער האָט זי זיך אָפּגעזוכט באַ פֿריינט אין טאָקיאָ, און איר פֿאָטער האָט איר איבערגעגעבן אונטער זיין השגחה. מ׳האָט איר באַזעצט אין אַ בודאַהיסטישן מאָנאַסטיר, פֿונוואַנען זי איז באַלד אַנטלאָפֿן און זיך אָנגעשלאָסן אַן אַ רעליגיעזער סעקטע פֿון איר אייגע־נעם אויסוואַל, אַ מין מאָדערנער אָפּצווייג פֿון שינטאָאיזם (שינטאָאיזם איז אַזאַ קולט פֿון עלטערן פֿאַרגעטערונג; קולט פֿון פֿאַרערן די גייסטער פֿון די פֿאַרשטאָרבענע און פֿון נאַ־ציאָנאַלע העלדן). שפּעטער צו האָט איר אומרואיקער גייסט זי אויך פֿאַרטריבן פֿון אָט דער סעקטע.

באַלד נאָך איר אַנטלויפֿן פֿון איטאָ האָט זיך איר לאַגע שטאַרק און ערנסט פֿאַרפּלאָנטערט צוליב דעם געבורט פֿון אַ קינד, וועמנס פֿאָטער ס׳איז אינגאַנצן געווען אומבאַקאַנט. נאָך אַ סך אַנשטרענגונג האָט זיך איר ענדליך איינגעגעבן אַרויס־צוקריגן אַ גט פֿון איר מאַן, און זי האָט דערנאָך גלייך חתונה געהאַט מיט איר געליבטן מייאַזאַקי.

„די ווייסע לאָטאָס״ באַטראַכט זיך ווי דער קרבן פֿון נאַרישע חתונה־און גט־געזעצן, און זיך צושרייבנדיק די ראָלע פֿון איבסען, באַצייכנט זי זיך אַליין ווי די „נאָראַ פֿון יאַפּאַן״. זיך צושרייבנדיק צו די ראַדיקאַלן, גרויסט זי זיך אין פּאַ־עטישן עקסטאַז מיט איר מאַרטירערשאַפֿט, אין קאַמף פֿאַר דער פֿרויען־באַפֿרייאונג, אין אַ לאַנד וואָס ווערט אַן יעדן צווייפֿל רעגירט און באַהערשט פֿון מענער. אַ היבשע צאָל ביכער פֿון אירע דראַמען און פּאָעמעס זיינען געווען פֿאַרעפֿנטליכט אין יאַפּאַן, און אירע ווערק האָבן אַנטפּלעקט נישט נאָר אַ זוכנ־דיקע און אומצופֿרידענע פֿרויען נשמה, נאָר אויך אַ שאַרפֿן און אָריגינעלן גייסט.

(1)

אין דער וואַרימקייט פון היינטיקער פרילינגס־נאַכט
מוזן זיכער בליען די בלומען פון מיין האַרץ
בשעת איך ליג און חלום.

(2)

פאַלנדיקע בלומען!
אַך, ס'אַר אַן אומעט עס פילט אַן דעם טאָל וואו די ליבע וואוינט!
פון דעם פאַרנעפּלטן הימל
פאַלט דער קאַרשן־צוויט ווי אַ רעגן.

(3)

כ'האָב זיך אַמאָל באַשוואוירן, אַז אַפילו דאָס בעט פון
דעם קעניג קען מיך קיינמאָל נישט רייצן;
נאָר איצט — אַך ווי קאַלט זיינען איצט מיינע אָרימס!

(4)

פריער, פאַר אונדז — ביליאָנען אַנדערע לעבנס!
און איצט — צוויי הערצער שלאָגן שטיל צוזאַמען.

(5)

ווען ס'וואָלט כאָטש געווען איינער איבער דער גאָרער וועלט
וואָס וואָלט וויינען צוליב מיר,
וואָלט איך גערן איצט געשטאָרבן — יאָ, איצט!

(6)

ווען אַ פרוי וואָלט געליבט געוואָרן, געווען פאַרהאַסט,
און אויך געפילט אַ צווייטערס קנאה,
וואָלט איר לעבן ווערט געווען צו לעבן.

(7)

אַלטע שפיגלען,
פון מיר גענוצטע שפיגלען,
איר האָט געזען מיין פרילינגס-צייט, בשעת איך בין געווען אַכצן,
און אויך מיין אָנהויב הארבסט, אין מיינע צוואַנציקער.

(8)

צוליב וועמען ווין איך?
צוליב וועמען שמייכל איך?
צוליב דעם נאָמען פ ר ו י.

(9)

מיין לעבן רוישט ווי כוואַליעדיק וואַסער:
די לבנה שפּיגלט זיך אין דעם,
בלומען פֿאַלן אויף דעם.

(10)

איך האָב זיך היינט באַגעגנט מיט אַ פרעמדן —
כאָטש איך האָב מיט אים געלעבט אַ צענדליק יאָר.

(11)

אַ שאַרלאַך־רויטע בלום בליט אויף דעם דאַך.
פֿון וואַנען קומט די זריעה?
וועמנס האַנט האָט איר פֿאַרזייט?

(12)

דער טיפֿער שניי איז אומעטום פֿאַרשפּרייט.
ווער עס וויל מיך באַזוכן
זאָל גלייך קומען, אפילו כאָטש צו חלום.

(13)

מיין האַרץ האָט זיך אַריינגעשמאָלצן אין דעם ים.
זאָל עס גיין אַ וואו די כוואַליעס גייען.

(14)

איך זוך מיין וועג
אין דער תּפֿיסה פֿון שיינער ליבע.
איך זוך מיין וועג
וואו אַ סך זקנים האָבן פֿאַרגאָסן זייערע טרערן.

(15)

אין די חלומות פֿון אַ פֿרילינג-נאַכט
זיינען פֿריינט-און-פֿרעמדע גלייך,
ווי אין מיין יוגנטלעכער ליבע.

(16)

הימל און ערד,
וואָלקן און וואַסער,
לעבן און טויט:
ס'איז ניטאָ קיין סוף און ס'איז אויך ניטאָ קיין אָנהויב —
אין דעם בין איך אַבסאָלוט זיכער.

(17)

וואָס זיינען געווען מיינע זינד
צוליב וועלכע איך זאָל באַדאַרפֿן ברענגען מיין קאַלטן גוף
פֿאַר דעם בית דין,
ווען איך בין טויט?

(18)

ווי אַזוי זאָל איך באַשטימען מיט וועלכן וועג צו גיין?
צו דעם פֿייערדיקן תּהום פֿון דעם גיהנום
צי גאָר צו דער נודנעקייט פֿון הימל?

(19)

ווען איך וואָלט געקאָנט צוברעכן די הערצער פֿון אַ הונדערט מענער
וואָלט איך אפֿשר געקאָנט פֿאַרגעסן אַלע צרות.

(20)

בלויז יענע נאַכט
איז מיין האַרץ געווען געזעטיקט.
איז בלויז דעם חלום דען באַשערט צו זיין אַלץ אין מיין לעבן?

(21)

ס'איז בין השמשות, און דו ביסט ניט געקומען.
אין מיין איינזאַמקייט
פֿיל איך זיך ווי די בלומען
בשעת זיי פֿאַלן אין דעם ווינט.

(22)

בשעת, איך טראַכט פון דיר,
פלאַם איך
מיט דער רויטקייט פון דער פאַרגייענדיקער זון

(23)

בשעת איך לייען מיינע לידער
פאַרגים איך טרערן איבער זיי,
נייע ליידן פילן אָן מיין האַרץ.

(24)

אַז דו ביסט ניטאָ —
בענק איך נאָך דיר.
אַז דו ביסט דאָ —
בענק איך מיט דיר.
מיין האַרץ ווערט פון בענקשאַפט פאַרפאַלגט.

(25)

דער קאַרשן־צווייט פאַלט אין ווינט אויף דעם באַרג.
דער צווייט פאַלגט נאָך דעם ווינט
צי דער ווינט פאַלגט נאָך דעם צווייט?

(26)

וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך אַליין?
איך באַזיץ גאָרניט,
פונדעסטוועגן בין איך באַלעסטיקט פון זיך אַליין.

(27)

בשעת די שיף שיפט זיך,
וואַסערט־אויף הינטער איר אַ ווייסער וועג.
דאָס איז די סטעזשקע פון מיין צער.

(28)

אַז איך וויל אין דיין חלום דערשיינען מיט חן,
זיץ איך פאַר מיין שפיגל
מיט אַ לאַמטערן אין האַנט.

(29)

איך ווייס ניט ווי צו לייענען „איינס“ אויף דעם אָרט פון „צוויי“.
צוליב דעם ווער איך פאַר'חוזק'ט
ווי אַן איגנאָראַמוס.

(30)

עמיצער ווהיספערט:
זיי בראָוו און מאַרשיר פאָראויס אין דעם מדבר!
ווער בייטשט עם די פערד פון מיין באַגער?

(31)

אַלטע בלעטער דאַרפן פריער פאַלן פון די יונגע בלעטער.
אַזוי וואָלט געווען אין האַרבסט.
איצט אָבער שטורמט דאָ אַ שטורם!

(32)

מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך דאָ די בלומען געריסן
וואָס זיינען דאָ געוועזן דאָס בעט פון שמעטערלינגען?

(33)

היינט באַנאַכט שטאַרבן רייצנדיקע בלומען.
כ׳וואָלט וועלן ברענען גיפטיקע בשמים
און שלאָפן רואיק.

"WHITE LOTUS"
AKIKO YANAGIWARA

אַקיקאָ יאָסאַנאָ

אַקיקאָ יאָסאַנאָ ווערט באַטראַכט פֿון די מערסטע קרי־טיקער ווי די פֿייאיקסטע פּאָעטעסע פֿון מאָדערנעם יאַפּאַן. אָריגינאַליטעט און געשיקטקייט זײַנען אירע קאַרדינאַלסטע אייגנשאַפֿטן. איר מאַן, טעטסוקאַן יאָסאַנאָ, איז אויך אַן אָנ־געזעענער דיכטער, און זיי ווערן ביידע פֿאַררעכנט ווי פֿירנ־דיקע דיכטער פֿון דער נײַער פּאָעזיע. זיי האָבן געשריבן לידער אין דעם סטיל פֿון די מערב־אייראָפּייִשע לענדער, נאָר די מערסטע אַרבעטן זייערע זײַנען געשריבן געוואָרן אין דעם אָנ־גענומענעם יאַפּאַנעזישן סטיל, די טאַנקאָ. אַלע לידער פֿון דער איצטיקער זאַמלונג וואָס רעפּרעזענטירט אַקיקאָ יאָסאַנאָ זײַ־נען טאַנקאָ.

(1)

ענדלאָזע טרעפּ
פירן צו מיין האַרץ.
ער האָט בלויז אַרויפגעקלעטערט צוויי אָדער דריי.

(2)

קום מיך זען אין אַ טאָג
ווען איך בין אומצופרידן,
ווייל דאָס איז דער נאָענטסטער טאָג פון אומענדליכער
ליבשאַפט.

(3)

איך וועל ניט זיין קיין באַנק אין אַן אָראַנזשעריי
מיט בלומען וואָס שלאָפן אויף איר
אַ גאַנצן יאָר.

(4)

אומגעהויער גרויסע צען רויטע פליגן
געבלאָזן פון ווינט
זיינען דאָס ראָד וואָס דרייט זיך
אַרום דעם צוים פון מיין גאָרטן.

(5)

אַ כוואַליע פון קעלט
טראָגט זיך צווישן אונדז,
און די ווייטקייט פון אַ שפּאַן
איז טויזנט מייל די לענג.

(6)

דער בוקעט וועט פאַרוויאַנען
ווי מיין האַרץ
וואָס וואַרט אויף דיר,
נאָך איידער דער אָוונט וועט פאַרטונקלען.

(7)

אַ צווייטער חוץ מיר
איז פאַראַנען
נאָך וועמען צו וויינען —
דאָס איז מיין קומער.

(8)

פינף קלעצער שטייען אין וואַסער,
פינף קראָען זיצן אויף זיי —
ס׳איז צום משוגע ווערן!

(9)

מענער שיפּן זיך
אויף דעם מאָרגן־ים
ווי פינף באַוועגלעכע פינגער.

(10)

ס׳איז מאָדנע
אַז דו זאָלסט פון דער ליבע טראַכטן ווי פון צוויי
בשעת איך טראַכט פון איר בלויז ווי פון איינער.

(11)

פון דעם חשכות, פון די יאָרן פון מיין עבר
שיינט אַרויס איין רויז־קאָלירטע ליכט
פון מיין צוואַנציקסטן געבורטסטאָג.

(12)

אַזוי ווי איך בין סיי־ווי־סיי ניט גליקלעך
און איך ווער שוין אויך אַ פחדן באַלד,
וועל איך אפשר פאַרט
מיט דיר חתונה האָבן.

(13)

דאָס קליינע מיידל
איז באַזאָרגט פון אירע נעכטנס
ווי איבער ליבעס-בריוו
וואָס זיינען געשריבן אָן איבערלייגונג.

(14)

דיין שדכנ'ן זיך איז געווען אַזוי שטאַרק!
דו האָסט עס ווי פאַרהאַמערט אויף מיין האַרץ
מיט אַן האַמער פון שטיין.

(15)

די ווייסע בלום
און די פורפור־רויטע בלום
וואַקסן אין שכנות, באַם טייכל,
זיי עפענען אָבער קיינמאָל ניט זייערע הערצער
איינער פאַר דעם צווייטן.

(16)

באַ דער צושיידונג
האָב איך גערעדט
דורך דעם שווערן אָפּדרוק פון מיינע פינגער־שפּיצן
אויף דעם וואָס ס'איז מיר געווען אַמליבסטן.

(17)

די דאַגות באַ פּרויען
האָבן עקזיסטירט
אַ סך פריער פון אונדזער פּאַר'צרה'טער צייט.

(18)

די נאַכט פאַלט צו
בשעת דער טוי פאַלט.
ווער וויינט?

(19)

איך האָב געזען ווי אַ יונגע מיידל,
אינגאַנצן נאַקעט —
האָט גערודערט אַ שיפל
אַנטקעגן דעם אָפענעם ים.
ס'איז בלויז געווען די לבנה פון אַ זומער נאַכט.

(20)

די האַרבסט־רעגנס
האָבן אונדז ענדליך דערמעגליכט צו ריידן
פון־האַרץ צו־האַרץ.

(21)

שאַרלאַך־רויטע וואָלקנס,
ווי הונדערטער קראַב׳ן,
קריכן אַרוים באַם טאָגן
פון דעם אויסגערונדטן הימל.

(22)

אונדזער היים איז איבערגעפילט
מיט איינזאַמע געראַנגלען:
דו קעמפסט פאַר זיך אַליין,
און איך פאַר זיך אַליין.

(23)

איבער דעם טורם פלאַטערט מאָדנע
אַ פאָן.
דער אויגוסט־ווינט
ברענגט מיט זיך רעגן.

(24)

אַ צודרייטער ווינט רייסט זיך היינט אָונט
פון דעם הימל.
דער ווינט וואָס קומט־אויף פון די ים־געוויקסן
והיספערט מיט סודות צווישן מיינע האָר.

(25)

געטריבן פון האַרבסט־ווינט
באַוועגט זיך איידל
אַ גרינער פאָדים
אין אַ נאָדל.

(26)

מיינע אויגן
וואָס זיינען אין שלאָף געווען פאַרגראָבן
אין מיינע אָרעמס,
וואַכן־אויף
און זיינען שיין.

(27)

מיין אַלטער איך
וואָרנט פון אַהינטער מיר:
— ס'איז אַ געפאַר פון פאָרנט!
מיין יונגער איך דונערט:
— פאָראויס פאָראויס!

(28)

דער לופט־שלאָס וואָס איז געבויט אין דער לופטן
פון מיין נאַריש האַרץ,
ברעכט צוזאַמען און פאַלט.
איך ווער דערשיטערט פון גליק
בשעת איך הער דעם אָפּקלאַנג פון זיין פאַלן.

(29)

איך מיין
אַז דו ביסט ניט איינזאַם;
דו, וואָס דו פּריידיקסט מאָראַל —
האָסט קיינמאָל ניט געפילט די הנאה פון וואַרים בלוט
פון יונגן לייב.

(30)

באַ דעם פאַרדאַכט אַז דו האָסט געוואַרט אויף מיר,
בין איך אַרויסגעגאַנגען אויף דעם פעלד פון בלומען
און געפונען — אַ נייע לבנה.

AKIKO YOSANO

ב. מלחי

טאַקעקאָ קויאָ

די באַראָנעסע טאַקעקאָ קויאָ איז איינע פון די הויפּט פּרויען דיכטער פון מאָדערנעם יאַפּאַן. די טאָכטער פון אַן הויכן באַאַמטן, האָט זי חתונה געהאַט אין איר פריער יוגנט מיט דעם באַראָן קויאָ, וואָס איז באַלד נאָך זייער חתונה אַפּ־געפאָרן קיין ענגלאַנד, וואו ער איז פאַרבליבן צען יאָר צייט. אין פאַרלויף פון די צען יאָר פון איר מאַנ׳ס אַפּוועזנהייט, האָט די באַראָנעסע אַרויסגעבראַכט אין אַ סעריע לידער די מורא, יאוש און בענקשאַפט פון איר האַרץ.

געטריי צו די אידעאַלן פון איר אַריסטאָקראַטישן אָפּ־שטאַם, איז זי נישט אָפּגעטראָטן פון דעם קורס פון שטרענ־גער ערלאַכקייט, און אירע לידער שפּיגלען אָפּ דעם זין פון איר שטאַרקער לאָיאַליטעט.

בשעת איינער לייענט די קלאָג־לידער פון אָט דער פאַר־לאָזענער פרוי, מעג ער געפינען אַ טרייסט אין דעם פאַקט, אַז באַראָן קויאָ האָט זיך ענדליך יאָ אומגעקערט קיין יאַפּאַן צו לעבן מיט זיין פרוי דער דיכטערין.

די לידער פון דער באַראָנעסע קויאָ זיינען אַרויסגענומען פון איר בוך „די גאָלדענע גלעקער,“ געדרוקט אין טאָקיאָ, אין 1920.

די באַראָנעסע קויאָ איז געשטאָרבן אין פעברואַר, 1928.

(1)

אויף דיין פֿאַרזיכערונג אַוועקצושטיין פֿון מיר
בלויז אַ קורצע ווײַלע,
האָב איך צוגעשטימט נאַאיוו.
איך בין דאַן געווען אַזוי יונג, אַזוי אומשולדיק.

(2)

צו לעבן בלויז אַליין
וואָלט געווען גרינג;
צו שטאַרבן
וואָלט געווען גרינג;
נאָר איך האָב געגעבן אַ נדר
וואָס איז הייליק.

(3)

מיר שטייען אַלע אויף דער זעלבער ערד,
איז מיין וועלט פֿונדעסטוועגן
ניט אַנדערש פֿון עמיצן אַנדערשס וועלט?

(4)

כאָטש ער האָט מיך פֿאַרנאַכלייסיקט
פֿאַר יאָרן און יאָרן,
בענק איך נאָך אים
ווען דער האַרבסט־ווינט בלאָזט.

(5)

אינזיינען צו האָבן, אַז מירביידע קוקן אויף דער איינער און זעלבער לבנה

פון צוויי פאַרקערטע זייטן פון דער ערד!
ווי הילפלאָז די מאַרטאַלן זיינען!

(6)

אַנדערע פרויען שפּילן זיך מיט זייערע קינדער
אין דעם ליכטיקן פרילינגס דרויסן.
איך קלייב ווילדע בלומען אַליין.

(7)

„איך ברענג מיט זיך גוטע ניים," האָט דער פרילינג אויס־געבשורה׳ט,

נאָר איך האָב עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט,
ווייל ס׳איז ניט געווען אמת.

(8)

פרילינג נאַכט.
שטילקייט.
דער שאָרך פון מיין קלייד
פאַלט אויף דעם דיל.
שטילקייט.

(9)

אַז די נאַכט פאַלט צו
זאָג איך זיך אָפּ פון יעדער פאַרנונפט,
און איך בענק נאָך דעם מאַן וועמען איך האָב ליב.

(10)

בשעת דער צושיידונג
איז דאָס שווייגן גליק,
אין פאַרגלייך צו דעם אומעט פון אַ סך רייד.

(11)

איך קלאַפּ, איך קלאַפּ אָן מיין האַרץ.
די שליסל צום האַרצן זיינען פאַרפרוירן
און האָבן ניט קיין רעזאָנאַנס.

(12)

כאָטש דו ביסט דאָ נישטאָ,
פיל איך דאָס טאָגן באַ זיך אין דער היים
ווייל אַ שאַרלאַך-רויטע רויז האָט זיך צעבליט.

(13)

עס גליווערט דאָס גאַנצע בלוט אין מיין קערפּער;
בלויז די קאַלטע שווערד פון פאַרנונפט
בליצט רירעוודיק אין מיר.

(14)

פון די בערג קומט־אויף
דער פרילינגס־נעבל
און נעמט מיך אַרום
ווי דער זיידענער כאַלאַט פון אַ מלאך.

(15)

דורך דעם נאַכט־רעגן קלינגט אָפּ
דאָס געזאַנג פון אינזעקטן
און שטעכט דורך מיין האַרץ
ווי אַ קאַלטע שווערד.

(16)

איך פאַרנעם ניט קיין קלאַנגען פון הימל
און אויך ניט אויף דער ערד —
איך פאַרנעם ניט אינגאַנצן קיין קלאַנגען,
חוץ דאָס געלויף פון מיין בלוט.

(17)

זע דעם קאַרשן־צווײַט,
ווי ער צווײַט אין זײַן גלאַנץ,
ווייסנדיק אַז מאָרגן
מוז ער פאַלן!

(18)

אַ פויגל האָט זיך פאַרנעסטלט אויף מײַן שויס
מיט אַ צײַט צוריק,
נאָר מיט אַ פײַנלעכן געקלאַג
איז ער אַוועקגעפלויגן,
און זיך נישט אומגעקערט צוריק.

(19)

זײַענדיק אַביסל צורייצט
נעם איך זיך שרײַבן אַ בריוו,
נאָר מײַנע אַ לאַנגע שוואַרצע האָר
פּלאָנטערט זיך אַליין אַרום מײַן פּעדער.

(20)

קלינגענדיקע גאָלד־און־זילבער גלעקער,
אַ טויזנט קליינע פויגעלעך אין הימל
זינגען אוים דאָס ליד פון פרילינג.

(21)

אויף צוצוהאַלטן דעם וואָס וואַנדערט,
מוז איך אים צובינדן
מיט אַ פאָדים
וואָס האָט דעם קאָליר פון אַ פרילינגס-אויפגאַנג.

(22)

ווי שווער עס איז צו שטימען
פאַר דריי פרויען וואָס פאָרן אַרום צוזאַמען!
איינע פון זיי איז אַלעמאָל איינזאַם.

(23)

בשעת מיין בענקשאַפט איז געשטיגן,
האָבן די קראָען אַלץ ווייטער מיין נשמה פאַרפירט
טיפער אין וואַלד.

(24)

איך בין איינגעהילט אין זייד
אין אַ קאָליר פון פלאַמען,
נאָר מיין גוף — מיין בוזים —
איז קאַלט.

(25)

די בערג רייסן זיך אַלץ העכער און העכער.
דער הימל שוועבט, שוועבט.
איך בין פאַרוואָרצלט צו דער ערד.

(26)

טראַכטנדיק אַז איך האָב זיך אויסגעפורמט
פון די טיפענישן
פון אונטער די בלויע כוואַליעס,
קוק איך מיט פאַרוואונדערונג
אויף דעם ים אין פרילינג.

(27)

טויזנט בריליאַנטן זיינען ווערטלאָז.
דאָס שענסטע אין דער וועלט איז מיין קערפער —
די מתנה פון מיינע עלטערן.

TAKEKO KUJO

אַנערקענונג און דאַנק צו דער דיכטערין אײדע מאַזע.

דער איבערדיכטער פון דער אַנטאָלאָגיע באַטראַכט עס ניט פאַר קיין צופאַל, וואָס דווקא אַ פרוי, אין דער פּערזאָן פון דער דיכטערין אײדע מאַזע, האָט זיך פאַראינטערעסירט און בפועל ממש געווען אינסטרומענטאַל אין העלפן אַרויסגעבן די לידער פון די ״דרײַ פרויען דיכטערינס פון מאָדערנעם יאַפּאַן״. זי האָט עס געטאָן אויס פאַרערונג און ליבשאַפט צו די דרײַ גרויסע דיכטערינס און זײערע לידער.

אײדע מאַזע פילט, אַז טראָץ דעם וואָס עס פאַרלירט זיך פון דעם אָריגינעלן ביז דער איבערדיכטונג אויף אידיש פון די לידער, בלײַבט נאָך אַלץ גענוג פּאָעטישער תמצית אין זײ אויף צו קענען געבן דעם אידישן דיכטער ווי אויך דעם בע־סערן לײענער פון פּאָעזיע, אי די הנאה אי דעם גענוגן באַגריף פון דעם וואָס דאָס אָריגינעלע האָט געקענט זײַן.

און דערפאַר מײנט זי, אַז די קלײנע אַנטאָלאָגיע קען דינען ווי אַ פײַנער בײטראַג צו אונזער אידישער פּאָעזיע.

י. ב.

זאָל מיר דאָ דערלויבט זײַן פון מײַן זײַט צו באַדאַנקען מײַן פרײַנט ד. קאָהן פאַר זײַן שטענדיקער גרײטקײט מיר צו העלפן אין דער אַרבעט פון אַרויסגעבן די ביז איצטיקע צאָל ביכער ווי אויך די קלײנע אַנטאָלאָגיע.

אויסער דעם וואָס ער איז אַ דרוקער פון אידישע ביכער, איז ער אויך אַ פרײַנט דעם אידישן בוך. איך דאַנק אים.

א. מ.

פון דעם זעלבן מחבר:

פון דער פרעמד — לידער, 1929
וואגאבונדיאדע — לידער, 1935
לידער פון א וואגאבונד — לידער, 1940
אימפרעסיעס פון א לייענער — עסייען, 1941
צווישן טאג און נאכט — לידער, 1949
געהיימשטאט — עסיי, 1951
דריי פרויען דיכטער פון מאדערנעם יאפאן—אנטאלאגיע, 1951

גרייט צום דרוק:

צווישנפעלקערלעכע מעשות און לידער (מעשות און לעגענדעס)
יא און נישט ניין — עסייען
פופצען פאעטן פון מאדערנעם יאפאן — אנטאלאגיע
לידער פון אומעט — לידער.